פינפצענטער יאָרגאַנג
№ 16
Redakcja pocztowa opłacona ryczałtem. • פרייז 20 גראָשען. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאַכאָווער צײַטונג

Bibljot. Jagiellonska
Kraków
św. Anny 19

Piątek 17 kwietnia 1936 | ליכט-צינדען 6.20 | פרייטאג פ' שמיני כ"ה ניסן תרצ"ו

X Walne Zgromadzenie Banku Spółdz. Przemysłowców i Kupców z ogr. odp. w Częstochowie odbędzie się **dnia 3 maja 1936 r. o godz 16-ej w lokalu Stow. Przem. i Kupców, Aleja Wolności 3—5**

PORZĄDEK OBRAD:

1) Zagajenie zgromadzenia i wybór przewodniczącego. 2) Odczytanie protokułu poprzedniego Walnego Zgromadzenia. 3) a. Sprawozdanie Zarządu za rok 1935, b. sprawozdanie Rady Nadzorczej za r. 1935, c. odczytanie bilansu i rachunku strat i zysków za r. 1935, d. odczytanie protokułu Związku Żydowskich Spółdzielni w Polsce, 4. przyjęcie bilansu i udzielenie absolutorjum Zarządowi i Radzie Nadzorczej. 5) Podział zysków za rok 1935. 6) Budżet na rok 1936. 7) Uzupełnienie § 44 statutu Banku. 8) Przelanie sumy Zł. 15.000 figurującej na rachunku kapitału specjalnego na rachunek kapitału zasobowego. 9) Uchwalenie najwyższej sumy zobowiązań, jakie spółdzielnia może zaciągnąć. 10) oznaczenie granic najwyższego kredytu, jaki może być udzielony jednemu członkowi. 11) Wybory: a. jednego członka Zarządu i 3-ch zastępców zamiast ustępujących, b. 3-ch członków Rady Nadzorczej i 3-ch zastępców. Ustępują. z Zarządu p. M. Neufeld, z Rady Nadzorczej: pp. M. Konarski, Dr. J. Schleicher i Dr. H. Tempel.

די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון דער **קאָאָפּ. סוחרים און פאַבּרי-קאַנטען-באַנק** מיט בעגר. פער. אין טשענסטאכאָוו קומט פאָר **דעם 3 מאַי 1936 4 אַ זייגער נאכמיטאג אין לאָקאַל פון דער סוחרים און פאַבר.-פעראיין** אַלעע וואָל-נאָשטשי 3—5

טאג-ארדנונג:

1) ערעפנונג און וואהל פון א פאָרזיצענדען, 2) פאָרלעזען דעם פראָטאָקאָל פון דער פוריגער אַלגעמיינער פערזאַמלונג. 3) א. בעריכט פון דער פערוואלטונג פאר'ן יאהר 1935. ב. בעריכט פון אויפזיכטס-ראַט פאר'ן יאהר 1935. ג. פאָרלעזען דעם בילאנס און רעכנונג פון היזקות און ריוח פאר'ן יאהר 1935. ד. פאָרלעזען דעם פראָטאָקאָל פון פעראיין פון יודישע קאָאָפעראַטיוען אין פוילען. 4) אָנגעמען דעם בילאנס און ערטיילען אַבסאָלוטאָריום דער פערוואלטונג און אויפזיכטס-ראַט. 5) צוטיילען דעם ריוח פון יאהר 1935. 6) בודזשעט אויפ'ן יאהר 1936. 7) ערגענצען דעם פאר. 44 פון סטאטוט פון דער באַנק. 8) איבערווייזען די סומע פון 15.000 זל. וואס פיגורירען אויפ'ן רעכנונג פון ספּעציעלען קאָפּיטאל אויפ'ן גרונד - קאַפּיטאַל. 9) בעשטימען די גרעסטע פערפליכטונגס-סומע, וואס די באַנק קען אויף זיך נעמען. 10) בעשטימען די גרעניץ פון העכסטען קרעדיט, וואס ס'קען ערטיילט ווערען א מיטגליד. 11) וואהלען: א. פון א פערוואַלטונגס-מיטגליד און 3 פערטרעטער אנשטאט די ארויסטרעטענדע. ב. 3 מיטגלידער פון אויפזיכטס-ראַט און 3 פערטרעטער. עס טרעטען ארויס: פון דער פערוואלטונג ה' מ. נייפעלד, פון אויפזיכטס-ראַט: ה"ה מ. קאָנארסקי, ד"ר י. שלייכער און ד"ר ה. טעמפּעל.

דאַנקזאַגונג.

מיר דריקען אויס אונזער הערצליכסטען דאַנק דעם

„פעראייניגטען טשענסטאָכאָווער הילפס-קאָמיטעט" אין ניו-יאָרק

פאַר די 100 דאָלאַר

וועלכע זיי האבען צוגעשיקט אונזער אינסטיטוציע און אַ דאַנק דעם האבען מיר געהאַט די מעגליכקייט צו פערברייטערן אונזער פסח-אַקציע לטובת 350 יודישע בכבוד'ע פאַמיליעס אין טשענסטאָכאָוו.

מיר ווינשען אייך ווייטער ערפאָלג אין אייער נוצליכער און פרוכטבאַרער ארבייט לטובת אייערע און אונזערע ליידענדע ברידער.

די פערוואַלטונג פון **„תומכי עניים"**
אין טשענסטאכאוו

פרעזעס: ב. באָטשאַן

ETERIT

Doskonały odbiornik o niskiej cenie i dogodnych warunkach.

Żądajcie bezpłatnych pokazów.

Salony demonstracyjne:

Optyk Medical Aleja 31 | **World-Radio** Aleja 24, tel. 25-75

צוליעב טעכנישע סיבות און צוליעב די ימים טובים ערשיינט דער היינטיגער נו-מער נור אין 4 זייטען.

PODZIĘKOWANIE.

Serdeczne podziękowanie składamy Szan. Panu Prezesowi **Maurycemu Neufeldowi** za zaofiarowane na instytucję naszą zł. 50.— (pięćdziesiąt) z okazji Jego 75-lecia urodzin.

W imieniu 350 podupadłych rodzin żydowskich, korzystających z naszej instytucji, życzymy Sz. P. Neufeldowi jeszcze długich lat owocnej pracy dla dobra społeczeństwa żydowskiego.

Zarząd T-wa Pomocy Biednym Żydom „Tomchaj Anyim".

הסתדרות שומרית לאומית **„הנוער הציוני"** בפולניה
קן בצ'נסטוחובה.

מאָרגען, שבת, ד. 18 אַפּריל 30–8 אָווענד

קומט פאָר אין **פייערלעשער-זאַל אַנ'אָקאַדעמיע**

אין צוזאמענהאנג מיט דער 5-יעהריגער עקזיסטענץ פון היגען „הנוער הציוני"

אויף וועלכער ס'וועט רעפערירען **ד"ר יצחק שוואַרצבאַרט**

א. ד. ט.: „דער ציוניזם אין דער איבערגאַנגס-תקופה פון דער יודישער געשיכטע".

דער פאָרפערקויף פון בילעטען קומט פאָר היינט, פרייטאג ביז צום ליכט-צינדען אין דער פירמע גראָהמאַן, נייער מארק 3 און מאָרגען, שבת ביי דער קאסע.

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA „KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2.

צום פריהלינגס = סעזאָן!

13 גר. קאָסט קראַגענס מיט לאנג - דויערענדען שפּיגעל-גלאַנץ | 50 גר. קאָסט א העמד

אויך נעמען מיר אָן **כעמיש** צו רייניגען און צו פארבען אַלערלײ קליידונג.

ספּעציאַליטעט: 1) פארבען לעדערנע קורטקעס

2) דעטאַשירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואשען).

אַכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ'ן אָרט

SZKOŁA TAŃCÓW baletm. Kosteckiego ul. Waszyngtona № 6.

Zapisy na kursy I, II, III, lekcje pojedyńcze (indywidualne) codziennie.

אַכטונג: יעדען **שבת** קומט פאָר פּראַקטישע לעקציע פּריוואַטישע געזעלשאַפט. אָנהויב 8 אָוו. 1-קלאַסיגע מוזיק

נעווער טעלעפאָנ-נומער 10-99 ...

Nowoczesny radioodbiornik „COLUMBUS"

3-lampowy z 4 prostownicą

niebywale selektywny | 3 zakresy fal

doskonały odbiór stacyj zamorskich

Ceny przystępne | Warunki najdogodniejsze

Stale bezpłatnie demonstrowany

TRIOKONG Zakłady Przemysłu Radjowego **GARIBALDIEGO 28.** Telefon 10-99.

Salon demonstracyjny: **N. Teichner** Aleja 14, tel. 17-91

שטים-בילדונג און סאָלפעדזשאָ

איך מאַך בעקאַנט, אַז

כ'אונטערריכט **שטים - בילדונג** און **סאָלפעדזשאָ**

לויט דער נייעסטער מעטאָדע.

איך ערטייל אויך אונטערריכט פאַר חזנים.

איינשרייבונגען ווערען אָנגענומען יעדען טאג פון 11—1 מיטאג און 3—5 נאכמ.

אַבערקאַנטאָר פון דער זייער סינאַגאָגע **אליעזר פינקעלשטיין, גאַריבאַלדי 16.**

פאַרבעריי און כעמישע וועשעריי „BENETA"

ב. יאָסעלעוויטשאַ 11

(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאַפּעלושאַרניע)

אונטער דער ליטונג פון אַנ'אַבסאָלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע - שולע אין ווארשא מיט לאַנג-יעהריגער פּראַקטיק

ספּעציאַליטעט:

1) פאַרבען לויט מוסטערן.

2) דעטאַשירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויפ'ן אָרט).

3) כעמיש רייניגען און פּאַסאָנירען קאַפּעלושן.

4) וואַשען שטייפע מענער-וועש מיט אַ דויערהאַפטען שפּיגעל-גלאַנץ.

KINO „EDEN".

די לעצטע טעג!

גלייכצייטיג מיט ווארשא דער נייער פוילישער פילם לויט דער אָפּערע פון מאָניושקאָ

STRASZNY DWÓR

אין דער הויפּט-ראָל — די פּרימאַדאָנע פון דער ווארשאווער אָפּערע

לוצינאַ שטשעפּאַנסקאַ.

Kino „LUNA"

די לעצטע טעג!

דאס גרעסטע פוילישע קונסטווערק!

Róża

לויט סטעפאַן זשעראָמסקי

אין די הויפט-ראָלען:

אייכלערובנאַ, יאַראָטש, סאַמבאָרסקי, סטעמפּאָווסקי און אַ גאַנצע רייהע ערשטקלאַסיגע פוילישע פילם-קינסטלער.

דעם ה' סאָלאָמאָן געווערצמאַן און פאַמיליע

צוליעב'ן טויט פון זייער פרוי און מוטער

נ"ע **קיילה**

דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל

געברידער אַלטמאַן.

גרויס איז דער כח פון שלום.

ס'האבען ערשט געמוזט קומען די גזירות אויף יודען, כדי אונזערע כלל-טהוער און פארשטעהער זאלען איבעררייסען זייערע אלטע מהלוקות און געמיינזאם זיך פערטיידיגען געגען אונזערע פייניגער.

אוודאי וואלט שענער געווען ווען דער אחדות צווישען יודען זאל נישט דארפען קומען צוליעב אויסערליכע סיבות, נאר צוליעב דער פערשטענדניס פון זיך גופא, ווייסענדיג, אז מיט פעראייניגטע כוחות קאן מען בעשאפען און פיהרען וועלטען. ווען דאס איז אבער אזוי נישט געווען, ווען מיר האבען זיך צווישען זיך שטענדיג ארומגעריסען, מיר זענען געווען צושפליטערט אויף פערשידענע מחנות – האט איינער געזאגט טאג, האט דער צווייטער געמוזט זאגען נאכט – האט עס אונז קיין גוטעס נישט געבראכט, נאר צרות און ליידען.

די לעצטע צייטען אבער, ווען ס'האבען זיך אויף אונז אנגעהויבען שיטען איין צרה נאך דער אנדערער: צוערשט די שחיטה-גזירה, דאן די פרובען מצד פערשידענע געזעלשאפטליכע כחות אונז ארויפצונעמען דעם ביסען פון מויל, האבען אונזערע פארשטעהער אנגעהויבען צו פערשטעהן, אז מען מוז איבעררייסען מיט די אינערליכע רייבונגען, און אלע ווי איין מאן מוזען זיך שטעלען צום אבוועהר-קאמף פאר די יודישע פאזיציעס.

אמת, דערווייל איז די ארבייט פון די פעראייניגטע כחות נאר געפיהרט געווארען ארום דעם אבוועהר-קאמף געגען אויסען, ס'איז א דעפענזיווע קאמף – דאס אבער קאן דערפיהרען צו ווייטערע פאזיטיווע רעזולטאטען, צו שאפען פראדוקטיווע הילף פאר דער יודישער בעפעלקערונג.

אט האט די ביז איצטיגע פעראייניגונג בעוויזען ממשות'דיגע מעשים.

דער גרויסער אלארם, וואס האט זיך אויפגעהויבען געגען דער שחיטה-גזירה, האט געווירקט, אז די רעגירונג האט זיך געמוזט רעכענען מיט די רעליגיעזע בעדערפנישען פון דער יודישער בעפעלקערונג און נישט אבגעשאפט אינגאנצען די שחיטה, נאר זי בעגרעניצט. אמת, אז דאס בעפרידיגט אונז נישט, ווייל דאס וואס זיי האבען געוואלט – ארויסנעמען דעם פלייש האנדעל פון יודישע הענד – האבען זיי דערגרייכט, אבער אונזערע שונאים האבען דאך געוואלט אונז נאך ערגער טהון.

די היגע ענדעקעס האבען דוקא געוואלט אדורכפיהרען די פראפאגאנדע-וואך, „די וואך פון פוילישען סוחר" מיט פאראד, מיט דעמאנסטראציעס און דערמיט געבען א טויט-קלאפ דעם יודישען סוחרטום אין טשענסטאכאוו. און נאר א דאנק די ענערגישע אינטערווענצען פון אונזערע כלל-טהוער, האט זיך זיי דאס נישט איינגעגעבען – נישט דאס ערשטע מאל און אויך נישט דאס צווייטע מאל.

דאן איז אויך דער פראיעקט וועגען די 2 פראצענט פאר די ארבייטסלאזע געווען א ריכטיגער און האט געהאט זיין מאראלישע ווירקונג.

מיר בעטאנען די אויבענאויסגערעכענטע קליינע פאקטען צו בעווייזען, אז גרויס איז דער כח פון שלום און אחדות אין די יודישע רייהען.

זאל דאס אבער נישט זיין בלויז א צייטווייליגער ענין, זאל דאס דינען אלס א ביישפיעל אויף דער צוקונפט, אז ס'זאל שוין אויף אייביג אויפהערען די אומויסטע מחלוקות און רייסענישען, נאר שלום און אחדות זאל הערשען אין דער יודישער מחנה.

איבריגענס, שטעהען מיר דאך פנים אל פנים מיט דעם שווערען פראבלעם פון יודען-פערניכטונג און צו אונזער גרויסען בצדויערען מוזען מיר פעסטשטעלען, אז נישט אזוי שנעל וועט דער דאזיגער פרוב אונז צו פערניכטען ליקווידירט ווערען. מוזען אונזערע פארשטעהער טאקי זיין ווייטער פעראייניגט, כדי דעם דאזיגען פרוב אבצוווענדען. און ס'איז מעהר ווי זיכער, אז ווען מיר וועלען דאס דאזיגע פערשטעהן, וועט זיך אונז איינגעבען אבצושטויסען די אטאקעס פון אונזערע געגנער – ווייל גרויס איז דער כח פון שלום.

ש.

אברהם פויגעל

די פוילישע אפריל-קאנסטיטוציע.

I. אריינפיהר.

1.

קאנסטיטוציע – בילדעט דעם יסוד, דעם פונדאמענט, אויף וועלכען עס שטיצט זיך דער גאנצער געבוי פון דער מלוכה-ארדנונג. זי איז דאס מוטער-געזעץ און שאפט די ראהמען, אינערהאלב וועלכע געוועהנליכע געזעצען קענען זיך בעוועגען.

קאנסטיטוציאנעלע געזעצען אונטערשיידען זיך פון געוועהנליכע אלערערשטענס מיט זייער ראנג. געוועהנליכע געזעצען מוזען שוינען דעם כבוד פון דער קאנסטיטוציע און טארען זי אין קיין פאל נישט איבערשרייטען. דאן – איז יעדע ענדערונג פון איהר אינהאלט, אנ'אז. גער. רעוויזיע פון דער קאנסטיטוציע, פערבינדען מיט א ספעציעלער, בעשווערטער פראצעדור, וועלכע איז ביי אנדערע געזעצען נישט פאראויסגעזעהען (אזוי האט למשל די רעוויזיע פון דער פריהערדיגער פוילישער קאנסטיטוציע געקאנט פארקומען נור יעדע 25 יאהר, און במשך דער צייט – נור ביי זעהר שווערע בעדינגונגען).

די קאנסטיטוציעס שטעלען געוועהנליך פעסט די קאמפעטענצען פון די העכסטע מלוכה-ארגאנען (מלוכה הויפט, פארלאמענט, רעגירונג) און די פערהעלטנישען פון איינעם צום אנדערען. מאנכע קאנסטיטוציעס ענטהאלטען אויך בעשטימונגען וועגען די עלעמענטארע, פרינציפיעלע רעכט און פליכטען פון איינצלנעם בירגער (צ. ב. אייגענטומס-רעכט, פרייהייט פון גלויבען און בעוועגונג, מיליטער-פליכט א. ד. גל.)

נישט אלעמאל האט דער בעגריף „קאנסטיטוציע" געהאט די היינטיגע בעדייטונג; אין פארצייטישען פוילען, למשל, האט יעדעס פארלאמענטארישע געזעץ געהייסען – „קאנסטיטוציע". דאס מיטעלאלטער האט בכלל קיין קאנסטיטוציעס נישט געקאנט; העכסטענס זענען דעמאלס ערשינען פריווילעגיעס פון די מלכים (צ. ב. די ענגלישע „מאגנא כארטא ליבערטאטום") אבער אהן דעם כאראקטער פון א קאנסטיטוציע אינ'ם היינטיגען בעגריף, וועלכע איז ערשט א פראדוקט פון דער ניי-צייט.

2.

דער דראנג צו פארמולירען קאנסטיטוציאנעלע געזעצען איז געבוירען געווארען אלס רעאקציע געגען דער אבסאלוטער מאנארכיע, וועלכע האט זיך צעבליהט אין מערב-אייראפע אין דער ערשטער העלפט פון די נייע צייטען.

אנ'אבסאלוטער הערשער קאנצענטרירט אין זיינע הענד די גאנצע מאכט: ער רעגירט און משפט; זיין ווילען איז א געזעץ. ער אידענטיפיצירט זיך מיט דער מלוכה, ווי דער קלאסישער טיפ פון אנ'אבסאלוטען מאנארך, לודוויג דער פיערצעהנטער האט זיך געזאלט אויסדריקען: „ל'עטא ס'ע מוא" (די מלוכה – דאס בין איך). ביי אזא ארדנונג ווערט דער בירגער אינגאנצען אוועקגעשטופט פון מלוכה-רודער, און האט דארט בכלל נישט וואס צו זאגען.

אזא רעזשים רופט סוף-כל-סוף ארויס די עמפערונג פון דורכשניטליכען אונטערטאן; ער רופט ארויס א בעגעהר פון זיין זייט פעסט צו נארמירען דעם ווירקונגס-קרייז פון הערשער און זיינע ארגאנען, און דעם אלעמען אקייגענצושטעלען די אונבעריהרליכע רעכט פון יחיד. אט דא ליגט די גענעזע פון די שפעטער ענטשטאנענע קאנסטיטוציעס.

די דאזיגע שטרעמונגען האבען געפונען אנ'אנלעהן אין די טעארעטישע אויספיהרונגען פון די דאמאלסדיגע שרייבער. די דאזיגע האבען הויפטזעכליך ענטוויקעלט דעם געדאנק, אז יעדע מאכט האט איהר מקור אין פאלק און דעריבער דארף זי א י ה ם געהערען. די הויפט-טרעגער פון די אידעען זענען געווען: דער ענגלישער פילאזאף דזשאהן ל א ק (17-טער יאהרהונדערט) און די פראנצויזען מ א נ ט ע ס ק ו י ע און ר ו ס ס א (אקצענטירען די לעצטע זילבען – 18-טער יאהרהונדערט). אינטערעסאנט זיך אבצושטעלען ספעציעל אויף די לעצטע צוויי.

מאנטעסקוויע, קען מען זאגען, האט די גרעסטע פערדינסטען פאר דער ענטוויקלונג פון די היינטיגע קאנסטיטוציעס, אין זיין בעריהמטען בוך „דער גייסט פון די געזעצען" טיילט ער איין דעם גאנצען קאמפלעקס פון די מלוכה-פונקציעס אין דריי גרופען, נעמליך: 1) די געזעצגעבונג, 2) די רעגיר-פונקציעס אדער אדמיניסטראציע און 3) געריכטליכע פונקציעס. פאר יעדער פון די דריי אבצווייגונגען הייסט ער שאפען בעזונדערע, גענצליך פון זיך אבגעטיילטע ארגאנען.

דאס בעשטימען געזעצען, וועלכע זאלען אלעמען פערפליכטען, האלט מאנטעסקוויע פאר די וויכטיגסטע מלוכה-פונקציע און דעריבער געהער זי דעם פאלק; זיינע רעפרעזענטאנטען, וועלכע ס'פאלק וועט זיך פריי אויסוועהלען, דארפען דא דעצידירען. די געזעצגעבונג ווערט אזוי ארום די פונקציע פון פארלאמענט, וועלכע דארף זיין אונאבהענגיג פון אלע אנדערע מלוכה-פאקטארען.

דעם לעצטען געהער אבער, לויט מאנטעסקוויע, נור די געזעצגעבונג; עס געהער איהם אבער נישט דאס אייגענטליכע רעגירען, דאס אויספיהרען די געזעץ-בעשטימונגען, וועלכעס ווערט איבערגעגעבען די אדמיניסטראטיווע ארגאנען (ביי אונז: רעגירונג, וואיעוואודזטווע, סטאראסטווע א. ד. גל.) די דאזיגע קענען קיין געזעץ נישט ארויסגעבען, דאגעגען ליגט אין זייערע הענד דאס ארויסגעבען פ ע ר א ר ד נ ו נ ג ע ן, וועלכע שטעהען נידריגער פון געזעצען און קענען נישט זיין אין סתירה צו זיי. א פעראדנונג איז בעשטימט נור אויסצופיהרען דאס געזעץ און דעריבער מוז זי זיך אויף א געזעץ שטיצען.

אינגאנצען אבגעלייגט פון די אויביגע צוויי ארגאנען דארף זיין, לויט מאנטעסקוויע, דאס געריכטס-וועזען. דאס דאזיגע וויל ער זעהען אין די הענד פון אונאבהענגיגע ריכטער, וועלכע קיין שום אנדערער מלוכה-ארגאן קען קיין דעה נישט זאגען און זייער בעשלוס נישט ענדערען (ד. ה. נישט דער פארלאמענט און נישט די רעגירונג, דאגעגען קען איהם ענדערען א העכער געריכט). אלזא נאכאמאל: די געזעצען שאפט נישט דאס געריכט נור דער פארלאמענט, דאגעגען דאס צופאסען א געזעץ צו א קאנקרעטען פאל געהער נור און אויסשליסליך דעם געריכט.

דורך אזא גענצליך אבטיילען די ארגאנען איינעם פון אנדערען וויל מאנטעסקוויע איינפיהרען צווישען זיי ג ל ײ כ ג ע וו י כ ט, ד. ה. אז קיינער פון זיי זאל זיך נישט אריבערהויבען איבער'ן צווייטען. די היינטיגע, מא-

וואס געהערט, וואס געזעהן.

דער יום-טוב'דיגער סך-הכול

נאך יום-טוב קאן מען מאכען א שטיקעל סך הכול, וועגען דעם זמן חרותנו, וואס מיר האבען אקארשט ערשט געפייערט.

די אינטערעסטע שורה איז א זעהר טרויריגער. נישט קוקענדיג דערויף, וואס סיי די קהלה, סיי דער „תומכי עניים", ווי אויך דער „בית לחם" האבען זיך פערנומען מיט טיילען געלד און אויך שפייז-פראדוקטען פאר די ארימע בכבוד'יגע יודען אויף יום טוב, זענען פונדעסטוועגען געבליבען נאך א גרויסע צאהל נישט בעפרידיגטע, ווייל מרובים צרכי עמך – די נויט איז גרויס, און וויפיעל מען זאל נישט קומען צוהילף, זענען די מעגליכקייטען אלץ וויינגער, ווי עס נויטיגט זיך.

אויך דאס וועטער, וואס האט געהערשט גאנץ יום טוב, האט זיך צוגעפאסט צו דער שטימונג. קאלט, רעגענדיג, מרה שחורה'דיג, אזוי אז ס'האט זיך זעהר ווייניג געפיהלט דער זמן חרותנו מיט'ן אנקומענדען פריהלינג.

אזוי איז עס נאך ליידער. דערווייל איז אונזער פריהלינג נאכנישט געקומען. אפשר, אפשר וועלען מיר זיך פארט אויך דערווארמען אויפ'ן אמת'ן פריהלינג...

פאר'ן טייוועל איז דא...

צו א היגען בעל-הבית, איז מען געקומען זאמלען פאר די פושיטיקער יודען, האט ער אבגעזאגט מיט'ן מאטיוו, אז ער האט נישט קיין געלד אויף אזעלכע צוועקען.

מילא, אזעלכע זאכען קאנען זיך טרעפען, כאטש אויף דעם דאזיגען יודען, וועלכער איז דער „קעניג" פון זיין פאך, א מענער שניידער, איז דאס שווער צו גלויבען. נאר גארנישט, מען קאן נישט שאצען קיינעמס קעשענע... ווען עס האט זיך אבער בעוויזען דער יום טוב נומער פון „נאניעץ" האט פון דארט ארויסגעקוקט אנ'אנאנס פון דעמזעלבען הער, – דאן איז שוין די זאך געווארען קשה.

לעולם האב איך איהם געוואלט מצדיק זיין, כ'ווייס, אפשר וויל ער האבען ארבייט פון די „נאניעץ" לעזער א.ד.גל. ווען מען קוקט אבער אויף דער מודעה, זעהט מען, אז זי איז נישט געגעבען געווארען לשם געשעפט, נאר גלאט אזוי, אלס קורטואזיע. אויב אזוי איז דאך ווידער די קשיא, פארוואס האט דערזעלבער יוד נישט געגעבען א פאר גראשען פאר פושיטיק און דא האט ער יא געהאט געלד ארויסצוווארפען. איז נישט אנדערש, נאר מען מוז צוגעבען, אז דער דאזיגער יוד האלט פון כלל, דאס פאר'ן טייוועל איז דא...

א גרויסע עולה

טרעפט מיך א יוד און האט א טענה צו דער קהלה (אונזערע יודען, געזונד און שטארק זאלען זיי זיין, האבען שטענדיג טענות...), הלמאי זי ארדענט איין זעלנער קוכען, – פארוואס – פרעגט דער זעלבער יוד – האט מען אמאל אין די אלטע צייטען זיך נוהג געווען, אז מען האט די יודישע סאלדאטען צוטיילט צווישען די שטאדטישע בעלי-בתים, יעדער בעל-הבית האט אהיימגענומען א סאלדאט אויף יום טוב און פטור דאן האט מען נישט געדארפט מאכען קיין זעלנער-קוך און די קהלה האט נישט געדארפט אויסגעבען אזוי פיעל געלד. טא פארוואס טהוט מען דאס נישט היינט, נאר מען ווארפט ארויס געלד אין די גאסען. זאל מען אויך היינט בעלאסטען די בעלי בתים יעדען מיט א זעלנערישען אורח אויף פסח.

האב איך איהם געענטפערט אזוי צו זאגען: פערגעסט, ר' יוד, אין יענע צייטען. ראשית וועט דער היינטיגער סאלדאט נישט געהן עסען איבער די הייזער, און אפשר נאך דארפען ווי אמאל נאכטראגען דעם בעל-הבית דעם טלית. עס זענען היינט אנדערע סאלדאטען מיט אנדערע אנשויאונגען. והשנית, מוזט איהר וויסען מיין ליעבער יוד, אז אין דער זעלנער-קוך עסען ס'רוב רעקרוטען, וועלכע בעקומען נישט די מעגליכקייט זיך פריי צו בעוועגען, נאר קומען אפילו אין דער קוך אריין אונטער דער קאמענדע, אזוי, אז פון דער זעלנער-קוך געניסען זאגאר סאלדאטען, טשענסטאכאווער, וועלכע ס'איז נישט דערלויבט אהיימצוגעהן אבעסען. איז דעריבער נישטא קיין רייד וועגען אנווענדען די אלטע פאר מלחמה'דיגע טעאריע.

אויב ס'איז יא אנ'עולה איז דאס – גיב איך איהם צו פערשטעהן – וואס די יודישע סאלדאטען בעגעהן געגען דער יודישער קהלה.

ווי בעוואוסט, געניסען היי-יאהר פון דער זעלנער-קוך ביז 250 יודישע סאלדאטען. אט די דאזיגע סאלדאטען בעקומען אויסגעצאהלט די אזוי גערופענע „סטראוונע" דערפאר, וואס זיי עסען נישט פון קאשארען-קעסיל. איז דאך מעהר ווי רעכט, אז זיי זאלען דאס דאזיגע געלד איינצאהלען אין דער קהלה, כדי צו ערמעגליכען דאס פיהרען די קוך. ווילען זיי דאס אבער נישט, און נישט קוקענדיג דערויף, וואס מען האט זיי עטליכע מאל אויפגעפאדערט דאס געלד איינצוצאהלען האבען זיי (אויסער די לובלינצער, וועלכע האבען יא אריינגעטראגען די געהעריגע סומע) אפילו נישט געוואלט הערען דערפון.

די קהלה גיט אויס שווערע געלדער צו דעם ציועק און די סאלדאטען ווילען האבען דאפעלט: אי געלד, אי עסען.

עס האט שוין געהאלטען דערביי, אז מען האט זיי געטראשעט, דאס מען וועט אבשטעלען די קוך. די יודישע סאלדאטען האבען אבער נישט רעאגירט דערויף, זייענדיג זיכער אין דער גוטהארציגקייט פון די קהלה-פיהרער.

אט מיין ליעבער יוד, אט די האנדלונג פון די דאזיגע יודישע סאלדאטען איז א גרויסע שווערע עולה.

גראנדיעזע הילפס-ארבייט.

ווען מען קוקט זיך צו צו דער הילפס-ארבייט פון דער געז. „תומכי עניים", מוז מען ווירקליך בעוואונדערען די אונגעהויערע אפפערווילליגקייט פון די דאזיגע געצעהלטע יחידים, וועלכע פערנעמען זיך מיט דער דערמאנטער אינסטיטוציע.

א גאנץ יאהר גיבען זיי ארויס שבת בשבת פארציעס פאר איבער 300 פאמיליעס. אויף פסח איז פארגעקומען א גראנדיעזע אקציע, וואס האט בעטראפען איבער 3000 זל., אויסערדעם איז אויך צוטיילט געווארען אויף די אנדערע טעג יום טוב העכער 350 פארציעס מצות, אייער א. ד. גל.

די דאזיגע „אונבעקאנטע זעלנער" פון „תומכי עניים" ווייסען נישט פון קיין אברוה. דער ארימאן איז הונגעריג, מוז מען איהם כסדר געבען ברויט, און דאס טהוען זיי אט די דאזיגע יחידים, די אויסדערוועהלטע פון צווישען אונז.

פערהאנען ביי אונז א סך הילפס-אינסטיטוציעס, די איינציגע אבער, וואס שטייגט אלעמען אריבער מיט איהר באמת מסירת נפש'דיגער הילפס-ארבייט, איז די „תומכי-עניים".

עס וואלט באמת געווען א יושר, אז די ברייטע יודישע געזעלשאפט זאל זיך מעהר פעראינטערעסירען מיט דער דאזיגער הילפס-אינסטיטוציע.

מען יאגט זיך נאכ'ן גליק...

ס'גלויבט שוין קיינער נישט, אז אויפ'ן גלייכען וועג זאל מען קאנען גליקליך ווערען. דאס איינציגע גליק קאן נאר קומען דורך דער לאטעריע. נעמט מען דעם לעצטען גראשען, מען קויפט א לאטעריע צעטיל און מען ווארט, מען גארט, אז דער הויפט-טרעפער זאל נאר צו איהם אריינפאלען.

מען מאכט זיך אזא חשבון: עמיצען מוז דאך דאס גרויסע געווינס פאקען, טא פארוואס נישט פונקט איך. קודם כל אבער מוז איך זיך פערזעהען מיט אזא צעטיל, אמת, ס'געהן דורך א סך ציהונגען און מען פערשפיעלט נעביך די פאר גילדען און מען בעשליסט מעהר נישט צו שפילען, ווען עס קומט אבער צו דער צווייטער ציהונג, גיט א טיאכקע אין הארצען: טאמער דאך, עה, מען וועט נאכאיינמאל פרובירען. און אזוי ציהט עס אריין און מען קויפט ווידער א צעטיל, וואס ס'זאל זיין די איינציגע האפנונג.

מיטוואך אינדערפריה איז אין דער ערשטער אלעע געשטאנען א גרויסע רייהע פון אזעלכע גליק זיכער, וועלכע האבען זיך געאיילט אויסצוקויפען די לאטעריע-צעטלען, מורא-האבענדיג, אז זיי וועלען חס ושלום פערשפעטיגען.

וואס ווייניגער מען פיהלט דעם באדען אונטער די פיס, אלץ מעהר יאגט מען זיך נאכ'ן גליק, וואס דארף קומען דורך א נס.

לויתן.

דערנע מלוכות האבען אויסגעפונען אנדערע, בעסערע מעטאדען, וועלכע פיהרען צוועקמעסיגער צו דעם ציעל.

א קלענערע, אבער דאך גאנץ אנגעזעהענע בעדייטונג פאר דער ענטוויקלונג פון די קאנסטיטוציעס האט זשאן זשאק רוססא. דער פרעקורסאר פון ראמאנטיזם, בעדייטענדער ליטעראט און פילאזאף איז צוגלייך דער פאהן-טרעגער פון דער דעמאקראטיע אדער פאלקס-הערשאפט (גריכיש: דעמאס-פאלק, קראטיע-הערשען). רוססא פאדערט, אז דאס פאלק אליין, און נישט זיינע פארשטעהער, זאל דירעקט אויספיהרען די געזעצגעבערישע פונקציעס דורך פלעביסציטען און רעפערענדום'ס. רוססא איז אויך געווען דער ליידענשאפטליכער קעמפער פאר דער פרייהייט, ברידערליכקייט און גלייכהייט פון אלע מענשען.

די אידעען פון רוססא בנוגע דער פאלקס-הערשאפט האבען זיך ארויסגעוויזען אלס אוטאפיסטישע און אין דער פראקטיק נישט דורכפיהרבארע, דער גרויסער רוב מלוכות — א חוץ קליינע אויסנאהמען ווי די שווייץ און עטליכע אמעריקאנער שטאטען — האט דעריבער די די דאזיגע פאסטולאטען אין לעבען נישט פערווירקליכט; פיעל אנגעזעהענער איז דאגעגען דער איינפלוס, וועלכען רוססא האט געהאט אויפ'ן פארמולירען די מענשען-און בירגער-רעכט.

אויפ'ן גרונד פון די אויביגע טעאריעס איז געשאפען געווארען די ערשטע מאדערנע קאנסטיטוציע אויף דער וועלט — די קאנסטיטוציע פון די פעראייניגטע שטאטען אין צפון-אמעריקא.

אויף דער אמעריקאנער קאנסטיטוציע האט א שטארקען איינפלוס אויסגעאיבט מאנטעסקוויע: זיין טעאריע וועגען דעם פונקציען אנטייל איז אין פרינציפ איינגעפיהרט געווארען אין דער אמעריקאנער מלוכה-ארדנונג. די געזעצגעבונג גיט די דארטיגע קאנסטיטוציע אוועק דעם קאנגרעס, וועלכער בעשטעהט פון צוויי קאמערען: רעפרעזענטאנטען-הויז און סענאט; די אויספיהרונגס-מאכט ליפערט זי אויס אין די הענד פון פרעזידענט און דער דורך איהם געשאפענער רעגירונג, און דאס געריכטס-וועזען — אין די הענד פון דורך דעם פאלק געוועהלטע ריכטער. די אלע דריי ארגאנען זענען גענצליך פון זיך אפגעזונדערט און אונאבהענגיג: די רעגירונג האט נישט קיין שום איינפלוס אויפ'ן פארלאמענט, זי קען אפילו נישט פאר איהם פראיעקטירען קיין געזעצען; פון דער אנדערער זייט זענען די מיניסטארען פעראנטווארטליך נור פאר דעם פרעזידענט און אין קיין פאל נישט פאר'ן קאנגרעס. דער אמעריקאנער פרעזידענט איז צוגלייך פרעמיער-מיניסטער און פערמאגט א זעהר שטארקע מאכט; ער ווערט געוועהלט דורך א פלעביסציט.

אויפ'ן אייראפעאישען קאנטינענט איז אמפריהסטען געשאפען געווארען די פוילישע קאנסטיטוציע פון 3-טען מאי 1791 י.; אויך זי שטעהט אויפ'ן גרונד פון מאנטעסקוויע'ס פאסטולאטען, פיהרט זיי יעדאך נישט אדורך אזוי קאנסעקווענט ווי די אמעריקאנער. אין אלגעמיין האט אבער די פוילישע קאנסטיטוציע נישט קיין וויכטיגע בעדייטונג פאר דער ענטוויקלונג פון קאנסטיטוציאנעלען געדאנק.

פון א פיעלפאך שטארקערער בעדייטונג איז די מיט פיער חדשים שפעטערע, בעריהמטע פראנצויזישע רעוואלוציאנערע קאנסטיטוציע. (3-טער סעפטעמבער 1791 י.) איהר וויכטיגסטען בעשטאנד-טייל בילדעט די פייערליכע „דעקלאראציע פון מענשען - רעכט", וועלכע די פראנצויזישע קאנסטיטואנטע האט מיט א צייט פריהער אנגענומען אויף לאפאיעט'ס פארשלאג.

די דעקלאראציע האט — צום ערשטען מאל אויפ'ן אייראפעאישען קאנטינענט — פראקלאמירט גלייכע רעכט פאר יעטוועדען מענש, פרייהייט פון גלויבען, פון ווארט און בעוועגונג, אונבעריהרליכקייט פון אייגענטום און אנדערע פונדאמענטאלע, מענשליכע רעכט.

די „דעקלאראציע פון מענשען-רעכט" שאפט א נייע עפאכע אין דער היסטאריע. איהרע אידעאלען האבען זיך צוזאמען מיט נאפאלעאנ'ס לעגיאנען צוגאסען איבער גאנץ אייראפא, איבערלאזענדיג דארט א טיעפען, הונדערטיעהריגען רושם.

וועגען דער נויטווענדיגקייט פון א שטענדיגען כאר אין דער שטאדט-שוהל.

פיעלמאל איז שוין בעריהרט געווארען די פראגע וועגען שאפען א שטענדיגען כאר אין דער אלטער שוהל.

די ביז-איצטיגע פרובען פון צונויפשטעלען א כאר אויף די ימים-נוראים האבען זיך נישט איינגעגעבען, מיר ווילען נישט בעשולדיגען די אהערגעבראכטע דיריגענטען, אבער יעדענפאלס האט מען געהערט פון די דאזיגע צונויפגעשטיקעוועטע כארען מעהר געשריי, ווי געזאנג.

די מעהר מוזיקאלישע מנגנים האבען טייל מאל געוואלט רעזיגנירען אינגאנצען פון כאר, איידער הערען רויהע נישט-אויסגעשולטע זינגער.

לעצטענס אבער, צוליב די חזנים-פרובען, האבען מיר געהאט די געלעגענהייט צו הערען אין דער אלטער שוהל דעם ביז-איצטיגען כאר פון דער נייער שוהל. מיר האבען ערשט געזעהן, וואס פאר א געווינס ס'וואלט געווען פאר אונזער שטאדט-שוהל, וועלכע דיענט אויך פאר רעפרעזענטאטיווע צוועקען, ווען אונז וואלט געלונגען דעם דאזיגען כאר צו פעראלטען.

מיר ווילען זיך נישט אריינלאזען אין די סיבות, פארוואס די נייע שוהל האט ארויסגעלאזט אזא גלענצענד אויסגעשולטען כאר, אונטער דער אינטענסיווער און פיינער אנפיהרונג פון ה' י. ריכטער.

יעדענפאלס איצט איז דא א מעגליכקייט דעם דאזיגען כאר צו פעראלטען פאר אונזער שטאדט-שוהל.

אגב איז שוין צייט דער היגער געזעלשאפט צו זאגען, אז זי פערטרייבט, אדער אין בעסטען פאל גיט זי נישט די מעגליכקייט די מענשען מיט איניציאטיוו און שאפונגס-גייסט זיך צו ענטוויקלען.

דער ה' ריכטער האט שוין בעוויזען מיט'ן צונויפשטעלען דעם דאזיגען פיינעם כאר, אז ער קען פיעל לייסטען אין מוזיקאלישער הינזיכט, וואס איז שטארק פערוואלאזט ביי אונז. און דאס וואס ה' ריכטער איז יונג, איז טאקי זיין הויפט-מעלה — ער שרעקט זיך נישט אב, רייסט זיך צו ארבייט, צו אינטענסיווער ארבייט, און דעריבער דארפען מיר איהם זיין בייהילפיג.

און אויב די פערוואלטונג פון דער נייער שוהל האט נישט אבגעשאצט ווי געהעריג די אנגעשטרענגטע לייסטונגען פון ה' ריכטער, דארפען מיר זיין פעראינטערעסירט הן צוליעב דער טובה פון דער שוהל און הן כדי צו געבען די מעגליכקייט דעם דאזיגען ענערגישען דיריגענט און זינגער צו פיהרען ווייטער זיין ארבייט, אז דער כאר זאל זיך ענטוויקלען.

און דוקא איצט, ווען די שוהל זוכט א מוזיקאלישען חזן און סיי די קהלה-לייטונג און סיי די גבאים ווייזען ארויס אזוי פיעל פערשטענדניש פאר די מוזיקאלישע געברויכען פון אונזער רעפרעזענטאטיווער שוהל, איז די פראגע פון כאר זעהר אקטועל.

דורכ'ן אנגאזשירען א מוזיקאלישען חזן און דערהאלטען דעם כאר פון ה' ריכטער, קענען מיר די שוהל אין מנגנישען זין אוועקשטעלען אויף א הויכער מדרגה. לאמיר האפען, אז אונזערע ווערטער וועלען געפונען א געהעריגען אבקלאנג ביי די דעצידירענדע פערזאנען, וואס ווייזען ארויס פאר דעם בעריהרטען ענין פיעל פערשטענדניש און ווארימע בעציהונג.

א מנגן.

די לעצטע טעג יום-טוב אין דער שטאדט-שוהל.

אויך אין די לעצטע טעג יום-טוב איז די שטאדט שוהל געווען איבערפולט פון מתפללים און פון נייגעריגע, וועלכע דאווענען אין אנדערע מנינים, נאר זענען געקומען בעוואונדערען דעם יונגען זעהר טאלאנטפולען חזן ה' אהרן ספיר.

די צווייטע טעג האט ה' ספיר געדאווענט נאך מיט מעהר מתיקות ווי אין די ערשטע טעג, אויך די שטימע איז געווען פולער אזוי, אז ביי אלע צוהערער איז רייף געווארען דער געדאנק, אז אויב דער שוהל-קאמיטעט וועט איינלאדענען דעם ה' ספיר אלס שטענדיגען חזן אין שטאדט-שוהל, וועט עס זיין א גרויסער געווינס פאר דער שוהל.

ה' ספיר איז אן אבסאלווענט פון איינציגען יודישען מוזיקאלישען אינסטיטוט אין פוילען (אין ווילנא) און בעקומען דעם געהעריגען דיפלאם. ה' ספיר איז זעהר אן אינטעליגענטער מענש און א בן-תורה און געהער צום נייעם דור חזנים, וועלכע זענען היינט כמעט נישט בנמצא. עס איז דעריבער מעהר ווי זיכער, אז דער שוהל-קאמיטעט ווי אויך דער ראבינאט און קהלה וועלען אנגאזשירען דעם ה' ספיר אלס שטענדיגען חזן אין אונזער שטאדט.

דער כאר אונטער דער לייטונג פון יונגען טאלאנטפולען דיריגענט ה' ריכטער איז געווען גרויסארטיג און צוזאמען מיט די מוזיקאלישע אויספיהרונגען פון ה' ספיר איז עס געווען א הערליכע סימפאניע.

ווי מען שמועסט, האט דער שוהל-קאמיטעט בעשלאסען צו אנגאזשירען דעם כאר אלס א שטענדיגען, אזוי אז די שטאדט-שוהל וועט מיט איהר נייאנגאזשירטען חזן און כאר האבען דעם אמת'ען סוקצעס.

ערב דער יאהרצייט פון טויט פון מארשאל פילסודסקי.

אין די נאהנטסטע טעג וועט אין אונזער שטאדט פארקומען א פערזאמלונג פון בירגערליכען קאמיטעט צו בעהערען דעם אנדענק פון מארשאל פילסודסקי, וועלכער וועט מיט געוויסע פרטים ערגענצען דעם פראגראם פון דער פייערונג אינ'ם ערשטען יאהרטאג נאכ'ן טויט פון מארשאל פילסודסקי, וואס איז געווארען פעסטגעשטעלט דורכ'ן הויפט-קאמיטעט פון דער גאנצער מלוכה.

צוגאב-טערמין אויף איינשרייבונגען אין דער שולע נומער 12.

מיר ווערען געוואויר, אז די עלטערן, וועמענס קינדער ס'געהערען צו דער פאוושעכנע שולע נומער 12 (פזשעמיסלאווא 10) און וועלכע האבען נישט בעוויזען זיי צו פערשרייבען אין דער געהעריגער צייט, וועלען האבען א געלעגענהייט דאס צו טהון אין א ספעציעלען טערמין.

וועגען דאזיגען טערמין, וועלכער וועט ערשט בעשטעטיגט ווערען דורכ'ן שול-אינספעקטאר, וועט ווערען בעזונדער פערעפענטליכט.

פון „הנוער הציוני".

אין צוזאמענהאנג מיט די יובל-פייערונגען צו דער 5-יעהריגער עקזיסטענץ פון היגען קן קומט פאר שבת 3.15 נאכמיטאג אין אייגענעם לאקאל, אלעע 16 א פייערליכער ראפארט פון גאנצען קן. אין ראפארט וועלען זיך בעטייליגען אויסער דעם פאטראנאט פון קן דער פרעזידענט פון וועלט-פערבאנד פון אלגעמיינע ציוניסטען ד"ר יצחק שווארצבארט און די מיטגלידער פון דער הנהגה הראשית שמעון בערגמאן און מגר. דוד קארטוז.

די אויסהאלטונגס-קאסטען פערקלענערן זיך.

אונטער'ן פארזיץ פון פערטרעטער פון ארבייטס-אינספעקטאר אינזש. ראדלאווסקי איז אין ארבייטס-אינספעקטאראט פארגעקומען א זיצונג פון דער סטאטיסטישער קאמיסיע פעסטצושטעלען די אויסהאלטונגס-קאסטען.

די דאזיגע קאמיסיע האט פעסטגעשטעלט, אז די אויסהאלטונגס-קאסטען פון אנ'ארבייטער-פאמיליע פון 4 פערזאן האבען אין חודש מערץ בעטראפען 3.43 זל., ד.ה. מיט 1.15 פראצענט ווייניגער ווי אין חודש פעברואר.

די פערטיילונג פון די 200 דאלאר פון אמעריקא פאר די ארבייטסלאזע פון די פראפ. פעראיינען.

ווי ס'איז שוין בעקאנט, איז א דאנק די בעמיהונגען פון ה' א. בראט, וועלכער איז אין שטענדיגע פערבינדונג מיט די טשענסטאכאווער לאנדסלייט אין אמעריקא, אנגעקומען פון נוי-יארק א גרעסערע שטיצע אויף פסח צו א רייהע היגע יודישע אינסטיטוציעס, דערונטער אויך די סומע פון 2 הונדערט דאלאר פאר ארבייטסלאזע.

די 200 דאלאר האט ה'וו. פייגע אויף וועמענס אדרעס זיי זענען געקומען, פערטיילט צווישען ארבייטסלאזע פון אלע פראפ. פעראיינען אהן אונטערשיעד פון פארטיי-אנגעהעריגקייט און ריכטונג. די געלד-פערטיילונג איז אדורכגעפיהרט געווארען אויף אזא אופן, אז יעדער פראפ. פעראיין האט צוגעשטעלט א רשימה פון זיינע ארבייטסלאזע און נויטבעדערפטיגע מיטגלידער און נאכ'ן פעסטשטעלען דורך א געמיינזאמע קאמיסיע פון אלע פעראיין-פארשטעהער די ליסטעס, ווער עס דארף געניסען פון דער אונטערשטיצונג, איז די בעשטימטע הילף יעדען אויסגעצאהלט געווארען אינדיווידועל, לויט א בעשטעטיגונג פון אייגענהאנטיגער אונטערשריפט. די אויסצאהלונג האט אדורכגעפיהרט ה' פייגע ביי דעם אנטייל פון די פעראיין-פארשטעהער פון דעם ספעציעל בעפולמעכטיגטען מצד דעם טשענסט. רעליעף אין נוי-יארק ה' א בראט.

פון דער שטיצע האבען גענאסען 233 פאמיליעס, דערפון 135 פאמ. צו 5 זל., 16 פאמ. צו—4 זל., 80 פאמ. צו 3.50 און 2 קראנקע ארבייטער 21.50 זל.

די פערטיילונג איז געמאכט געווארען פאר ארבייטסלאזע פון פאלגענדע פראפ. פעראיינען און גרופען: טרעגער-טראנספארט, לעדער, בוי און מאלער האנדעלס-אנג., בעקלייד., ערנעהרונג, סאצ. האנדווערקער, און א גרופע פון געמישטע פאכען (מעטאל, כעמיקאל, פאבריק-ארב., סעזאן-ארב. א. ז. וו.)

לויט פאכען האבען פון דער אונטערשטיצונג גענאסען, נעמליך:

טרעגער און טראנספארט 73 פערזאן, לעדער—29 פערזאן, בעקלייד—17 פערזאן, ערנעהרונג—34 פערזאן, בוי, מעטאל און טישלער—15 פערזאן, האנדעלס אנג.—9 פערזאן, סאצ. האנדווערקער—20 פערזאן, מעטאל—15 פערזאן, געמישטע כעמיקאל. סעזאן און פאבריק ארב. א. ז. וו.—15 פערזאן, קראנקע און אלמנות—6 פערזאן. צוזאמען 233 פערזאן.

דערפון זענען ארגאניזירט 90 פראצ. אין די פראפ. פעראיינען.

יאסעלע קאלאדני-קאנצערט אין טשענסטאכאו.

דעם 1 און 2-טען מאי טרעט אויף מיט צוויי קאנצערטען אין פייערלעשער-זאל יאסעלע קאלאדני. די קאנצערט-און טעאטער-מעלאמאנען האבען זעהר לאנג געווארט אויף דעם אויפטריט, דערמאנענדיג דעם וואונדערבארען קאנצערט בשעתו אין קאמעראל-טעאטער. און עס איז נישט קיין וואונדער. אין ווארשא טרעט ער אויף חדשים-לאנג אין ליטעראטען-פעראיין מיט א קאלאסאלען ערפאלג, ווי ער ווערט בעצייכענט אלס אריגינעלער מייסטער אין זיין זשאנער מיט אבסאלוטער מוזיקאלישקייט, וואס שטעלט איהם אין רעזולטאט אויף א געהעריגער ארטיסטישער מדרגה.

די פרייזען פון די בילעטען זענען זעהר ביליגע: פון 49 גר. באלקאן ביז 2 זל. פארטער שוין צו בעקומען אין דרוקעריי פון ה' באטשאן און אין די טעג פון די קאנצערטען ד. ה. פרייטאג פון 7 אווענד און שבת פון 11 פריה אין קאסע פון זאל.

אבצייכנונגס-טאג לטובת „עזרה".

קומענדען מאנטאג, דעם 20 אפריל קומט פאר אנ'אבצייכנונגס-טאג לטובת דעם זעהר נוצליכען פרויען-פעראיין „עזרה", וועלכער האט מיט דער ברייט-פערצווייגטער טעטיגקייט זיך ערווארבען אלעמענס סימפאטיע און אונטערשטיצונג.

עס איז דעריבער צו האפען, אז דער אבצייכנונגס-טאג וועט אדורך מיט'ן גרעסטען ערפאלג.

פון „טאז".

דער קעלצער וואיעוואדע, לויט'ן רעסקריפט פון 14 ד.ח., האט אנערקענט די טשענסטאכאווער אבטיילונג פון „טאז" אלס אנ'אינסטיטוציע פון עפענטליכען געברויך, וואס איז בעשטימט אויף צו בעפרידיגען די הצטרכות'ן פון דער בעפעלקערונג, אויפ'ן געביעט פון געזעלשאפטליכער שוץ.

דעלעגאציע פון ארבייטסלאזע ביים סטאראסטע.

עהערנעכטען אין די פריה-שעה'ן האט פאר'ן בנין פון דער סטאראסטווע זיך פערזאמעלט א צאהלרייכע גרופע ארבייטסלאזע, וועלכע האט אויסגעוועהלט א דעלעגאציע און פארגעשטעלט דעם סטאראסטע א פעטיציע מיט'ן פערלאנג פון ארבייט און ברויט. דאן זענען די ארבייטסלאזע אין פולשטענדיגער רוה און ארדנונג אוועק צום בנין פון דער עקספאזימור פון ארבייטס-פאנד.

דאס איבערבויען דעם וועג טשענסטאכאו—סאסנאוויץ.

צוליב'ן לעגען א נייע קלינקער-אויבערפלאך אויפ'ן וועג טשענסטאכאו—קאזשעגלאוו—סאסנאוויץ וועט דער וועג ווערען געשלאסען פון 15-טען אפריל ביז'ן אברופען. פאר'ן ווייט-שטרעקיגען פערקעהר איז געווארען בעשטימט דער וועג דורך אלשטין—זשארקי—קאזשעגלאוו קיין בענדין אדער דורך הערבי קיין קאטאוויץ. דער לייכטער שטאדטישער פערקעהר פון פאטשעסנא קיין פוילישקאמיעניץ וועט פארקומען מיט זייטיגע וועגען.

די טשענסטאכאווער בעפעלקערונג געזעגענט פייערליך דעם פרעזידענט מאצקעוויטש.

אויף דער ערשטער ידיעה וועגען אבטרעטען פון שטאדט-פרעזידענט מאצקעוויטש האט, ווי בעוואוסט, אונטער'ן פארזיץ פון סענאטאר זביערסקי און דעפ. קאבילעצקי זיך געשאפען א בירגערליכער קאמיטעט, וועלכער זאל ארגאניזירען די פייערליכע געזעגנונג פון פרעזידענט.

שבת, דעם 18 ד.ח. 8 אווענד ווערט דורכ'ן דאזיגען קאמיטעט איינגעארדענט אין די זאלען פון האטעל „פאלאניא" די פייערליכע געזעגנונג פון פרעזידענט מאצקעוויטש און צומארגענס זונטאג 6 א זייגער אווענד וועט דעם פרעזידענט געזעגענען דער פעראיין פון קאמונאלע אנגעשטעלטע.

די דאזיגעביידע געזעגנונגען זאגען צו צו זיין אנ'אימפאזאנטע און פייערליכע מאניפעסטאציע פון די געפיהלען פון אלגעמיינער סימפאטיע און אכטונג, וועלכע פרעזידענט מאצקעוויטש האט אין משך פון צוויי יאהר, וואס ער האט געוויילט אין אונזער שטאדט, זיך בעוויזען צו ערווערבען.

נייע סעריע פון פאליטישע פראצעסען.

אין דער נאהנטסטער צייט וועט דאס קרייז-געריכט בעטראכטען א רייהע פראצעסען פון מיטגלידער פון דער ענדעקישער פארטיי.

אויף איינעם פון די נאהנטסטע טערמינען איז געווארען בעשטימט דער פראצעס געגען 6 אנגעקלאגטע פאר די באמבע אטענטאטען אויף די יודישע געוועלבער פון שפיגעלמאן און ראטמיל.

די אנגעקלאגטע אינ'ם דאזיגען פראצעס ווערען בעשולדיגט לויט'ן ארט. 216 און 148 פון שטראף-קאדעקס. לויט'ן ארט. 216 דראהט א שטראף פון 6 חדשים ביז 15 יאהר תפיסה פאר די דאזיגע, וואס פערארזאכען אנ'אלגעמיינע געפאהר פאר'ן מענשליכען געזונד און לעבען. דער ארט. 148 זעהט פאר א שטראף ביז 5 יאהר תפיסה פאר'ן אנטייל אינ'ם פערטרייבען די שפורען פון א בעגאנגענעם פערברעכען און פערלייכטערען די פערברעכער זיך אויסצובעהאלטען פון דער. גערעכטיגקייט.

אויפ'ן ווייטערדיגען פלאן געפונען זיך די פראצעסען פאר די אנטי-יודישע אונרוהען אין עטליכע שטעדטלעך פון טשענסטאכאווער פאוויאט, וועלכע זענען פארגעקומען אין די חדשים יאנואר—פעברואר.

בעדייטענדע געווינסען אין וועקסלערס קאָלעקטור.

גלייך דעם ערשטען טאג ציהונג פון דער 3-טער קלאס מלוכה-לאָטעריע זע-נען אין דער גליקליכער קאָלעקטור פון י. וועקסלער געפאלען עטליכע גרעסע-רע געווינסען. דער נר. 72600 האט געוואונען 5000 זל. און נר. 169.318 — 1000 זל. הוץ די דאזיגע סומעס זענען אויך געפאלען אנדערע קלענערע גע-ווינסען.

אַנ'אָוונד לטובת דייטשע פליטים.

זונטאג, דעם 19-טען ד. ח. וועט אין זאַל פון „מכבי" (קאַטעדראַלנע נר. 13) פאָרקומען א פערוויילונגס-אָוונד לטובת דייטשע פליטים.

די יודישע געזעלשאַפט דאַרף דעם דאָזיגען זעהר וויכטיגען אָוונד אונ-טערשטיצען און דערמיט מיטהעלפען, אַז א געפלאָגטע און פערפאָלגטע יודישע פאַמיליע, וועלכע איז אַרויס פון דיי-טשען גיהנום זאָל זיך קאָנען שאַפען א דאַך איבער'ן קאָפּ.

דראַמאַטישער קאַמף פון א סוחר מיט א באַנדיט.

דעם 8-טען ד. ח. ארום 8 א זייגער אָוונד האט זיך פון שלעזיען צוריקגע-קעהרט אהיים דער 50-יעהריגער יוזעף שוואַרצפיטער פון קושעפיץ. ווען דער סוחר שוואַרצפיטער האט זיך געפונען אויף דער באַהן-ליניע נעבען דעם יודי-שען בית-עולם אין דאַנקאָוויץ און דער באַהן-סטאַציע קושעפיץ איז ער געוואַ-רען בעפאלען דורך אנ'אונבעקאַנטען פערשוין, וועלכער האט געהאט דאס פנים פערשמירט מיט סאַדזעס. דער אָנפאלער האט געכאַפּט דעם סוחר פאַר'ן האלז און מיט דער האַק, וואס ער האט געהאַלטען אין האַנד, האט ער איהם דערלאַנגט א קלאַפּ אין לינקען אָרעם, פאַדערענדיג ארויסצוגעבען איהם דאס געלד. דער סוחר האט ביי זיך געהאט ארום 600 זלאָטעס.

דער רויבער האט אריינגעשטעקט די האַנד אין שוואַרצפיטער'ס טאַש אריין און ארויסגענומען א בייטעל מיט 13 זלאָטעס, וועלכע ער האט צוגענומען, אומקעהרענדיג דעם בייטעל און דאן פערלאַנגט דאס איבריגע געלד אונטער דער דראָהונג צו דער'הרג'ענען. דער סוחר האט אבגעזאגט. דאמאלס האט זיך צווישען סוחר און דעם באַנדיט אָבגעשפּילט א דראַמאַטישער קאַמף. דער באַנדיט האט אומגעוואָרפען שוואַרצפי-טער'ן, אראבגעריסען פון איהם דאס העמד און די הויזען און שטאַרק גע-שלאָגען. ליגענדיג אויף דער ערד האט דער סוחר בעוויזען ארויסצוואַרפען פון פאַרטפעל א גרעסערע סומע און געגו-מען פעפערצווייפעלט שרייען אויף הילף. א דערשראָקענער איז דעריבער דער באַנדיט ענטלאָפען איידער ס'איז אָנגע-קומען הילף. דער בעפאַלענער האט אָבער ביים שיין פון דער דערנעבען שטעהענדער לאַמפּ בעוויזען זיך גוט איינצוקוקען אינ'ם פנים פון רויבער.

ביינאַכט איז שוואַרצפיטער צוזאַמען מיט זיין פרוי און עטליכע פערזאָן גע-קומען צוריק אויפ'ן אָרט פון אָנפאַל און צונויפגעקליבען די אוועקגעוואָ-רפענע 580 זלאָטעס. אויס מורא פאר א נקמה האט אויך שוואַרצפיטער צומאָר-גענס געמאָלדען וועגען דאזיגען אָנפאַל דער פאָליציי, וועלכע האט אונטערגע-נומען אנ'אויספאָרשונג און געקומען אויף די שפורען פון די אָנפאַלער, וועלכע זענען געוואָרען פערהאַלטען און איינגעזעצט אין ארעסט. דאס זע-נען דער 28 יעהריגער פראַנטשישעק שישקא און דער 31-יעהריגער פראַנ-טשישעק קאלא.

די אַרעסטירטע זענען געוואָרען אי-בערגעפיהרט קיין קושעפיץ, וואו דער בעפאַלענער שוואַרצפוטער האט דער-קענט שישקאַ'ן אלס דעם אָנפאַלער. בעת דער ווייטערדיגער אויספאָרשונג איז געוואָרען פעסטגעשטעלט, אַז קאָ-לאַ האט געפּלאַנט וועגען דעם אָנפאַל צוזאַמען מיט שישקאַ'ן און צו דעם צוועק האבען זיי שוואַרצפוטער'ן נאָכ-געשפירט. קאָלאַ איז אין מאָמענט פון אָנפאַל געשטאַנען אויף דער וואַך נע-בען דער באַהן-בריק, וואו דער דורכ-געהענדער שוואַרצפוטער האט טאַקי געהערט ביידענס געשפרעכן.

נדבות אין רעדאקציע פאר דער געז. „תומכי עניים".

ה' נאַטאַן דזיאלאָשינסקי 15 זל. צו דער פסח-אַקציע.

ה' ש. אבראַמזאָן 3 זל. צו דער יאהרצייט פון זיין מוטער.

ה' א. קעמפינסקי 5 זל. צו דער יאהרצייט פון זיין פאטער.

ה' מ. רוזיעוויטש 3 זל. צו דער יאהרצייט פון זיין פאטער.

ה' ש. האנדעלסמאַן 2 זל. צו דער יאהרצייט פון זיין פאָטער.

ה' מ. ליבעסקינד 2.50 זל. צו דער יאהרצייט פון זיין מוטער.

בע'עולה'טע קליינהענדלער דורכ'ן ריטשאַלט-שטייער דאַרפען זיך רע-גיסטרירען.

די פערוואַלטונג פון קליינהענדלער-פעראיין (ב. יאָסעלעוויטשא 8) בעט אונז מיטצוטיילען פאָלגענדעס:

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער לעצטער אויסמעסטונג פון ריטשאַלט-שטייער פאר די יאָהרען 37—1936, דאַרפען די מיט-גלידער, וועלכע פיהלען זיך בע'עולה'ט, אין זייער אייגענעם אינטערעס זיך מעלדען אין דער קאַנצעלאַריע פון פעראיין, אָנהויבענדיג פון היינט אָן, אין די שעה'ן פון האלב 9 ביז האלב 10 אין אָוונד.

450 אַרבייטער זענען בעשעפטיגט ביי עפענטליכע אַרבייטען.

אין יעצטיגען מאָמענט זענען ביי די עפענטליכע ארבייטען אין אונזער שטאָדט בעשעפטיגט 450 אַרבייטער. די גרעסטע טייל פון זיי איז בעשעפטיגט ביי די גאַסען - אַרבייטען: רובנאַלעגלאַ אויף אָסטאָטני-גראַש, זשאַביאַ אויף זאוואָדזיע, נאַרוטאַוויטשא און שוו. באַרבאַרי.

ארום 100 פערזאָן זענען בעשעפטיגט ביי די פלאַנטאַציע - ארבייטען אויף אָסטאָטני-גראַש. אויסער דעם זענען ארום 30 ארבייטער בעשעפטיגט ביים בוי פון דער בריק נעבען דער פאבריק פון די „מאָטעס".

א צוזאַמענפאָהר אין קאַטאָוויץ.

דעם 3-טען מאַי וועט אין קאַטאָוויץ פאָרקומען די יאָהרצייט-פייערונג פון דריטען שלעזישען אויפשטאַנד.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האט דאס באַהן מיניסטעריום צוגעטיילט די אָנ-טיילנעמער פונ'ם אָרגאַניזירטען צוזאַ-מענפאָהר אין קאַטאָוויץ א 50 פּראָצענ-טיגע הנחה ביים צופאָהר קיין קאַטאָ-וויץ און א בחונמ'דיגע צוריקרייזע. די הנחות וועלען ווערען ערטיילט אויפ'ן סמך פון אָבגעסטעמפעלטע אָנטיילנעמער-קאַרטען (קאַרטאַ אוטשעסטניצטוואַ).

די שטאָדטישע קולטורעלע און בילדונגס-קאָמיסיע טרעט-צו צו דער אַרבייט.

אויף היינט, דעם 17-טען ד. ח. 5 א זייגער נאָכמיטאג האט פּרעזידענט מאָ-טאַל צונויפגערופען די ארגאַניזאַציאָנס-פערזאַמלונג פון דער קולטור און בילדונגס-קאָמיסיע, וועלכע איז אויסגע-וועהלט געוואָרען זיינער צייט דורכ'ן שטאָדט-ראַט.

אין דער דאזיגער קאָמיסיע געהען איצט אריין: שטאָדט-פּרעזידענט מאָטאַל, וויצע-פּרעזידענט הענשעל, דער נאַ-טשעלניק פון דער שטאָדטישער קולטור-און בילדונגס-אָבטיילונג סטאַלאַ, דיר. בראַדזשיקאָווסקי, אינזש. וויעטשאָרעק, די ראַטמענער: דיר. פלאַדאַווסקי, פּראָפ. דזובאַ, דיר. סמולסקי, פּרעזעס ראָזענ-בערג און אדוו. קולעי, פּראָפ. מאָנקאָשאַ, פאָר. גזשעווינסקי, פּראָפ. באַרילסקי, דר. נאַוואַק און די אלמנה נאָכ'ן פער-שטאָרבענעם דאָקטאָר - פילאָזאָף וול. ביעגאָנסקא.

אויפ'ן טאָג-אָרדנונג פון דער ערשטער פערזאַמלונג פון דער קאָמיסיע געפינט זיך די פראגע פון ענדערן דעם ביז-איצטיגען היסטאָריש נישט-בעגרינדעטען שטאָדטישען הערב, וועלכער איז גע-וואָרען דער שטאָדט אנגעוואָרפען דורך דער אָקופּאַציע-מאַכט.

א המון קויהלען-גנבים בעלאַגערט דעם באַהן-הויף אין קלאָבוצק.

עהערגעכטען אין די נאָכמיטאג-שעה'ן האבען אין קלאָבוצק זיך אָבגעשפּילט בלוטיגע געשעהענישען, וועלכע זענען געוואָרען ארויסגערופען דורך אָרטיגע פערברעכערישע עלעמענטען.

אָרום האלב 3 א זייגער נאָכמיטאג האט צוליב'ן נישט אָנגעגעבענעם סיגנאַל זיך איינגעהאַלטען א קילאָמעטער ווייט פון דער סטאַציע קלאָבוצק א משאות-צוג. אינ'ם זעלבען מאָמענט, ווען דער צוג האט זיך אָבגעשטעלט איז ארויפגע-שפּרינגען א באַנדע קויהלען-גנבים, וועלכע האבען נישט קוקענדיג אויף די וואָרנונגען פון די באַהן-שומרים, גענו-מען אראָבוואַרפען קויהלען. דאמאלס האט איינער פון די שומרים, וועלכע בעגלייטען דעם צוג אָבגעגעבען א וואָרנונגס-שאָס און צוזאַמען מיט נאָך א שומר זיך דערנעהנטערט צו די אָנפאַ-לער. עטליכע קויהלען-גנבים האבען זיי בעוואָרפען מיט קויהלען און די איברי-גע האבען נישט אַכטענדיג אויף דער אַנוועזענהייט פון די באַהן-שומרים, ווײ-טער אראָבגעשליידערט קויהלען.

ביי די דאָזיגע בעדינגונגען, אין הסכם מיט די פערפליכטענדע פאָרשריפ-טען פון דער באַהן-וואַך, האט א שומר אויסגעשאָסען אין דער ריכטונג צו די אָנפאַלער, פערוואונדענדיג דעם 19-יעה-ריגען סטאַניסלאַוו מערדאַ פון קלאָבוצק, א בעקאַנטען קויהלען-גנב, אין ביידע פיס.

אויפ'ן אָבקלאַנג פון די שאָסען זענען זיך צונויפגעלאָפען די שכנות'דיגע איינ-וואוינער, צווישען וועלכע ס'האבען זיך אויך געפונען פיעל פערברעכער, וואס האבען ארומגערינגעלט דעם פערוואונ-דעטען מערדאַ, וועלכער איז געלעגען אויף דער ערד. דער המון איז כסדר געשטיגען און ווערענדיג אונטערגעהעצט דורך די קויהלען-גנבים און די אָנגעקו-מענע פערברעכער האט אנגענומען א דראָהענדע שטעלונג לגבי די באַהן-וועכטער, וועלכע האבען זיך אויסבע-האַלטען אין בנין פון דער באַהן. צוליב דעם אָבער, וואס דער המון איז געוואָ-רען אויפגעהעצט צו געהן צום באַהן-בנין און די לאַגע איז געוואָרען ערנסט, האט דער פערקעהר-דיזשורני פון דער סטאַציע געפּרובט צו בערוהיגען די פערזאַמעלטע, אָבער ער איז געווען געצוווּנגען זיך צוריקצוציהען. דער אָנגעקומענער באַהן אַרבייטער, וועלכער האט געבראַכט א טראַג-בעטעל, כדי צוצונעמען דעם פערוואונדעטען אין שפּיטאָל אריין, איז דורכ'ן המון געוואָ-רען צושלאָגען און געווען געצוווּנגען צו ענטלויפען. ערשט דער אָנגעקומענער פּאָליציי-פּאָשטאָוואָניק בעדנאַרסקי האט בעוויזען צו בערוהיגען די געמיטער און צוזאַמען מיט'ן צושלאָגענעם באַהן-אַר-בייטער מערדאַ'ן ארויפגעלעגט אויפ'ן טראַג-בעטעל און אוועקגעטראָגען אין דער ריכטונג צום שפּיטאָל. קוים זענען זיי אָבער אָבגעגאַנגען עטליכע שריט, זענען זיי ווידער געוואָרען בעפאַלען דורך א המון, וועלכער האט נישט ער-לויבט צו פיהרען דעם פערוואונדעטען אין שפּיטאָל אריין, אויסרופענדיג, אַז מערדאַ'ן דאַרף מען אָבפיהרען צו דער באַהן, וועלכע וועט איהם שוין „אויס-פּערטיגען".

נאָכ'ן אָנקומען אויפ'ן באַהן-הויף איז געשטיגען די אויפרעגונג פון המון, וועל-כער האט געפּרובט אריינצובעקומען זיך אין בנין און אָבצורעכענען זיך מיט די באַהן-וועכטער, וועלכע האבען זיך דאָרט בעהאַלטען. דאַמאָלס האט דער עלטע-רער פּאָליציאַנט בעדנאַרסקי געזאָגט עטליכע ווערטער צום המון און איבער-צייגט די אָנפאַלער, אַז זיי בעגעהען א פערברעכן. דער עולם איז זיך דאַן פונאַנדערגעגאַנגען און עס זענען געבלי-בען בלויז דעם פערוואונדעטענ'ס חברים. ווען אויפ'ן וועג האט זיך אָבער בעווי-זען דער אויטאָ, מיט וועלכען עס איז אָנגעקומען אנ'אָבטיילונג פּאָליציי פון טשענסטאָכאָוו, וועלכע איז געוואָרען אַלאַרמירט וועגען די פּאַרפאַלען זענען אויך די חברים ענטקומען. די פּאָליציי-אישע הילף איז שוין אָבער געווען אונ-נויטיג. מיט דעם זעלבען אויטאָ איז דער פערוואונדעטער קויהלען-גנב גע-וואָרען איבערגעפיהרט קיין טשענסטאָ-כאָוו און אָבגעגעבען אין שטאָדטישען שפּיטאָל אריין.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די דאָזיגע פּאַסירונגען זענען אַדורכגעפיהרט גע-וואָרען א רייה אַרעסטען.

אַנגעשיכור'ט זיך, דער'הרג'עט און שפּעטער האָט ער חרטה.

דער פויער אנטאני זיגמונד פון לאַ-גיעוואניק, זייענדיג בגילופין, האט אויפ'ן וועג פערשעפּעט און געשלאָגען די פּאַסאַזשירען און פערד פון יעדער פער-בייפאָהרענדער פוהר. ער האט זיך אויך געוואָרפען אויף א דורכגעהענדען, דעם 35-יעהריגען אנטאני טשענסטאָכאָווסקי, איהם דערלאַנגט מיט א קלאַניצע אי-בער'ן קאָפּ, פון וואס ער איז אין עט-ליכע טעג ארום געשטאָרבען.

פּערג. וואָך איז דער פויער זיגמונד געשטאַנען פאר'ן קרייז-געריכט. ער האט געוויינט און זיך מתודה געווען, אַז ער איז געווען אין א שיכור'ן צושטאַנד און אַז ער האט חרטה. דאס געריכט האט איהם פער'משפט אויף 3 יאָהר תפיסה.

דאָס קאַמעראַל-טעאַטער פאָהרט אַרויס אויף גאַסטראָלען.

דאס שטאָדטישע קאַמעראַל-טעאַטער וועט אין די נאָהנטסטע טעג אנהויבען אנ'אַרטיסטישען „טורנע" איבער דער קעלצער וואָיעוואודזטווע. אויף די דאָ-זיגע גאַסטראָלען וועט נור ארויספאָהרען א טייל פון אַנסאַמבל און די איבריגע וועלען פערבלייבען אויפ'ן אָרט און געבען ווייטערדיגע פאָרשטעלונגען.

געוואָלט פּעדינען 8 זל. האָט ער היזק געהאָט — 50.

צום פויער טאָמאַש וואָלאַרטשיק פון דאָרף ראַדיצקי פּאָלוואַרק, איז געקומען אנ'אונבעקאַנטער הערר און געדינגען זיין פוהרמאַנקע איבערצופיהרען א פּע-קעל, משוה-זייענדיג זיך 8 זל.

אויפ'ן וועג איז דער אונבעקאַנטער געוואָרען מיט'ן פויער היימיש, דער-צעהלט איהם, אַז ער פיהרט דאָ טייערע סחורות, נאָר אַזוי ווי ער איז געבליבען אָהן געלד וועט ער איהם פאר 150 זל. צונעמען פאר א שותף. דער פויער נישט האבענדיג מעהר האט איהם אריינגע-רוקט 50 זל. האַנד-געלד. דערווייל איז דער פערשוין נעלם געוואָרען. נאָכ'ן אָבוואַרטען עטליכע שעה, האט זיך דער פויער דעציזירט אויפצופּענען דעם אוצר. ער האט אָבער צו זיין ערשטוי-נונג אנגעטראָפען אַלטע שמאַטעס.

א גראַנדיעזע קינדער-פאָרשטעלונג.

שבת דעם 28 פּ. ח. איז אין קינאָ „לונאַ" פאָרגעקומען א קינדער-פאָרשטע-לונג פון קינדערהיים א. נ. פון י. ל. פּרץ.

דער פּראָגראַם איז בעשטאַנען פון 14 נומערן און די 5 — 6-יעה-ריגע קינדערלעך האבען ווי אמת'ע אַרטיסטען ארויסגעפיהרט זייערע ראָלען.

די קינדער האבען בעוויזען, אַז זיי ווערען געהעריג ענטוויקעלט. עטליכע נומערן זענען אויך אויסגעפיהרט געוואָ-רען אין דער פּוילישער שפּראַך און די קינדער האבען ביידע שפּראַכען בע-הערשט. צו יעדען נומער איז געווען צוגעגרייט בעזונדערע רייכפאַרביגע קאָסטיומען. בייוואוינענדיג די פאָרשטע-לונג האט מען געהאט דעם איינדרוק, אַז די קליינע אַרטיסטען זענען אי מו-זיקאַליש אי ריטמיש און פּערמאָ-גען אינטעליגענץ.

דער זאַל איז געווען איבערפולט און יעדער נומער האט ארויסגערופען גע-וואַלדיגע ענטציקונג, איבערהויפּט זענען געווען וואונדערבאַר די „קראָסנאָלודקעס" „בינעלעך", „דער יריד", „בעל-מלאכה'ס", „מאַטראָזען-מאַרש", די מו-זיקאַנטען און קינדער-אָרקעסטער.

עס פערשטעהט זיך, אַז דעם גרעסטען תענוג פאר דעם גייסטי-גען נחת-רוח קומט אין דער ערשטער רייהע דער לעהרערין פון קינדערהיים ביי דער אַקטיווער מיטאַרבייט פון די עלטערן.

די גלענצענדע דערגרייכונגען פון די קינדער בעווייזען אַמבעסטען וועגען זייער געזונדער ערציהונג און ענטוויק-לונג, וואס זיי בעקומען א גאַנץ יאָהר אין קינדערהיים און די יודישע געזעל-שאַפט דאַרף מעהר אינטערעס ארויס-ווייזען פאר דעם דאזיגען וויכטיגען מוסטער-אַנשטאַלט ביי אונז אין שטאָדט.

עגזיסטירט פון 1898 יאָהר.
אין דער גוט-בעקאַנטער
דרוקעריי פון
ב. באָטשאַן
1 אַלעע 6
טעלעפ. 22-01
ווערט אויסגעפיהרט שעהן און אַקוראַט אַלערהאַנט דרוק-אַרבייט,
— ווי: —
בריעף-בויגען
קאָפּערטען
פּאָסט-קאַרטען
חתונה-קאַרטען
בראָשורען
קוויטאַריושען
אַפישען
פלוג-צעטלען
קלעפּסידרעס
א. ד. גל. ביליגער ווי איבעראַל.

בעמערקונג: קלעפּסידרעס ווערען אויסגעפּערטיגט און אויסגעקלעבט אין משך פון 1 שעה.

פון וויעלון.

דעם 23-טען — בירגערמייסטער-וואַהלען.

ווי מיר האבען די פויריגע וואָך איבערגעגעבען האט א גרופּע פון 8 ראַטמענער אריינגעטראָגען צו דער סטאַראָסטווא א ביטע צו פעראָרדנען בירגערמייסטער-וואהלען (צום דריטען מאָל) און אַז דער סטאַראָסטע האט זיך צו דער ביטע גינסטיג בעצויגען און פערשפּראָכען אין קורצען אַזאלכע אדורכצופיהרען.

איצט קענען מיר מיטטיילען דאס אויף דאנערשטאג דעם 23-טען ד. ח. איז בעשטימט געוואָרען אדורכצופיהרען צום דריטען מאָל בירגערמייסטער-וואהלען.

ווי מיר דערוויסען זיך זאָל ווייטער ווערען אונטערגעהאַלטען די קאַנדידאַ-טור פון ה' יענדזיעיעסקי, אויך זאָל קאַנדידירען דער ביזאיצטיגער בירגער-מייסטער ה' דזיענטשאָל.

א שכור שטעלט א ווידערשטאַנד דער פּאָליציי

צוויי אָנגעשיכור'טע שקצים זענען געקומען אין שענק פון געז. סאָגאַנאָוו-סקי שלאָנסקאַ גאַס, דאָרט געמאַכט אנ-אַוואַנטורע, געוואָרפען זיך שלאָגען דעם אייגענטימער, צובראָכען געשיר און אויסגעהאַקט שויבען.

די אָנגעקומענע צוויי פּאָליציאַנטען האבען די שיכורים שוין געטראָפען אויף קראַקאַווער פאָרשטאָדט. איינער פון זיי האט זיך געלאָזט פיהרען אויפ'ן פּאָס-טערונעק און דער צווייטער קאַזשיק שטשיגליק האט געשטעלט א ווידער-שטאַנד און זיך נישט געלאָזט ריהרען פון אָרט, שלאָגענדיג און קאָפּענדיג אויף אַלע זייטען. דאַן איז געקומען הילף און זאָגאַר דער קאָמענדאַנט אַליין וועלכער וואוינט אין דער נאָהנט. זעקס פונקציאָנאַרען האבען זיך מיט דעם צווילדעוועטען שיכור נישט געקענט קיין עצה געבען. דערצו זענען נאָך אויסגעוואַקסען גאַנצע הורמעס פון זיי-נע חברים ווי אויך קרובים, וועלכע האבען געוואָלט איהם אָבשלאָגען. עס האט געדויערט א לענגערע צייט, ביז ס'איז ענדליך דער פּאָליציי געלונגען דעם אַוואַנטוריסט אריינצונעמען אין טויער פון יאַנעצקי, וואו ער איז גע-וואָרען פעסט געבינדען אין קייטען, דעם המון האט מען צוטריבען און מיט א דאָראָזשקע איהם אָבגעפיהרט אויפ'ן פּאָסטערונעק. אויך זענען אַרעסטירט געוואָרען עטליכע פון די אָבשלאָגערס.

דער שיכור איז בעת דער ראַנגלע-ניש געוואָרען אָרענטליך צוממית'ט.

בעסטיאַלישע טהאַט

אין דאָרף אַסטראָווקי איז וולאַדיס-לאַוו קוביס בעגאַנגען בעסטיאַלישע טהאַט איבער אַנ'אַכט-יעהריג מיידעלע, ער איז איינגעזעצט געוואָרען אין תפיסה.

דעם דעגענעראַט ערוואַרט א גרויסע שטראָף.